THE SHEPHERD OF ISRAEL
ENGLISH DEPARTMENT

VOL. VII. No. 8. 50 CENTS A YEAR APRIL, 1926

## PESACH (PASSOVER)

### The Strangest Misnomer

The Hebrew word Pesach which means "Passing or skipping over" has been wrongly applied to the Jewish Feast called in English Passover. The word Pesach is found first in Exod. 12:11 where it says "It is the Pesach to Jehovah." It refers there to the Lamb whcih God commanded that every family shall take one and kill it on that day, the 14th of the month Nisan, and sprinkle the blood on the door posts for protection against the death angel.

> "And the blood shall be to you for a token upon the houses where ye are: and when I see the blood, I will pass over you, and the plague shall not be upon you to destroy you, when I smite the land of Egypt." Ex. 12:13.

Then there is another commandment in connection with Pesach as we read in the 15th verse:

> "Seven days shall ye eat unleavened bread even the first day ye shall put away leaven out of your houses; for whosoever eateth leavened bread from the first day until the seventh day, that soul shall be cut off from Israel."

This feast is called, in Lev. 23:7, "The feast of unleavened bread." You can see now at once that ever since the temple was destroyed and the priesthood and the altar have been relegated into desuetude, the Jewish people never had the privilege of sacrificing the Passover Lamb. To bring a sacrifice outside of Jerusalem, the place which God chose, would be directly in opposition to God's commandment in Deut. 12:11. There is a specific commandment given in Deut. 16:5 which says:

> "Thou mayest not sacrifice the passover within any of thy gates, which the Lord thy God giveth thee."

Yet the Jews have been calling this feast by the name Pesach against all reason, against the Holy Scriptures and against all sense of the phraseology. At best the Jews could observe only the feast of unleavened bread but they cannot perform Pesach. What fire is without heat, what a river is without water, what the sun is without light, so it is to call Passover when there is no lamb sacrifice. Is this not the strangest misnomer. Yet the Jews are boasting of their great rabbis, of highly educated Jews, literati and doctors. Not one of them sees the illogical and unreasonable application of the word Pesach to this feast which has no lamb for a Passover sacrifice. Where is the wisdom and where is the knowledge? According to the Word of God the feast of the passover did not last even one whole day. The lamb had to be offered in the afternoon of the 14th day of Nisan. "In the fourteenth day of the first month at even is the Lord's passover." The Passover lamb had to be eaten up that night and there must not be left over any part of it until the morning.

"And they shall eat the flesh in that night." (Ex. 12:8). Again we read in the tenth verse: "And ye shall let nothing of it remain until the morning." So short was the duration of the feast of the passover that it practically lasted one night only. But the feast of unleavened bread lasted seven days thereafter. "And on the fifteenth day of the same month is the feast of unleavened bread unto the Lord: seven days ye must eat unleavened bread." Lev. 23:6. Thus we see plainly how unscriptural and therefore how wrong it is to call the feast of unleavened bread by the name of Pesach.

What do we believers in the Lord Jesus Christ say to it? What attitude do we take toward this great feast of the passover? We believe that the Sacrificial Lamb of the Passover was a forecast of the real Lamb of God which taketh away the sins of the world. There was one of the most righteous men that lived on the earth toward the end of the second Temple. His name was Jochanen. When he saw this wonderful Saviour Jesus coming he suddenly exclaimed, "Behold the Lamb of God which taketh away the sin of the world." (John 1:29). This Lamb, the Lord Jesus our righteous Messiah, has been the antitype of that Passover lamb. The blood of the Passover lamb had to be sprinkled on the door post. Once applied there it saved the household from the evil one. So likewise have we applied the blood of the Lord Jesus our Messiah in a spiritual way, to our hearts; we are saved because "Jehovah hath laid upon him the iniquity of us all." (Isa. 53). In this light we also understand a few wonderful words of a wise and learned Jewish philosopher whose name was Saul of Tarsus. He said: "Christ our Passover is sacrificed for us." (1st Cor. 5:7). While we Jews who believe in the Lord Jesus Christ celebrate the feast of unleavened bread by abstaining from leaven we do not expect any merit for that. It is merely a memorial of our national liberty, for so said God Himself in giving that commandment:

> "Thou shalt eat no leavened bread with it; seven days shalt thou eat unleavened bread therefore, even the bread of affliction; for thou camest forth out of the land of Egypt in haste: that thou mayest remember the day when thou camest forth out of the land of Egypt all the days of thy life."

But when we recollect what that Passover Lamb indicated we run to the antitype, the Lord Jesus Christ for salvation. There we find that in Him and thru Him our sins were forgiven. Thru His precious blood that was shed for us we have been reconciled to God In that we find not only merit but justification from God as God spoke thru Isaiah saying, "with his knowledge shall my righteous servant (Messiah Jesus) justify many, for he shall bear their iniquities." (Isa. 53:11).

**$100.00 REWARD**

**to any Jew who will prove from the Bible that KADDISH, (prayer repeated in the Synagogue for dead parents) is binding upon children and saves the parents from hell.**



## בית שר שלום

קאר. טרופ עוו. און וואלטאן סטריט. ברוקלין נ. י.

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט 8 אוהר ........ פיר מענער און פרויען

זאנטאג נאכט 8 אוהר ......... פיר מענער און פרויען

מאנטאג נאכט 8 אוהר---פראגען און אנטווארטען

פארלאנגט אונזערע טראקטאטען:

1. קול קורא
2. מה שמו ומה שם בנו.
3. קין און הבל.
4. הנה העלמה . . .
5. לשני בתי ישראל.
6. דער וכוח.
7. דאס רעטעניש.
8. די דריי איינינקייט.
9. דער טריאומף.

זיי זיינען זעהר באלעהרזאם און אינטערעסאנט פאר יעדען וואס וויל קומען צום ריינעם אמת פון ישוע המשיח.

**10 Cents WORTH FOR 25 Cents**

**Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone however, we reserve the right to return your money:**

**Address: The Shepherd of Israel**

**27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

צו די אנדערע געקרייציגטע און האבען זיי די ביינער צובראכען אזוי ווי דער מנהג איז דאמאלס געווען, כדי זיי זאלען גיכער שטארבען, ווען זיי זיינען אבער צו ישוע המשיח צוגעקומען, האבען זיי איהם קיין איין ביין ניט צובראכען, נייערט זיי האבען מיט א שפיז איהם די זייט דורכגעשטאכען, כדי עס זאל מקוים ווערען וואס זכריה הנביא האט נביאות געזאגט „והביטו אלי את אשר דקרו“. (זכריה י"ב).

דערפאר האט דאס דוד המלך גאט געבעטען, „גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך“ ווייל אזעלכע וואונדערבארע זאכען זיינען דא זעהר פיעל אין דער הייליגער תורה.

מיר גלויבינגע אין ישוע המשיח, מיר האבען דאס אמת'ע קרבן פסח, אזוי ווי דער גרויסער פילאזאף שאול פון תרשיש האט אמאל געזאגט אין א' קארינטער, קאפ. 5. דאגעגען אבער אידען וואס גלויבען ניט אין ישוע המשיח האבען נאר א חג המצות אבער קיין חג הפסח, און האבען טאקע נישט די באשיצונג וואס קומט דורך איהם, נעגען דעם מלאך המשחית.

---

## גרויסע אידען

אין דיזען נומער „רעה ישראל“ שטעלען מיר דאס בילד פון דעם גרויסען איד, ר' פנחס יאשעס, המכונה דר היינעמאן, פון ווילנא, רוסלאנד.

זיין פאטער, יאשע היינעמאן, איז געווען כמעט דער גרעסטער נ.ג.י.ד אין שטאדט. ער איז געווען אסאך יאהר „ראש הקהל“ אין דער ווילנער שטאדט שוהל. זייענדיג אן איניקעל פון דעם גרויסען מגיד ר' פנחס קאריצער, האט ער זיין זוהן א נאמען געגעבען נאך יענעם גרויסען גאון.

ווי געוועהנליך, האבען זיך זיינע עלטערן געסטארעט איהם צו געבען די בעסטע ערציהונג וואס געלד האט געקאנט געבען. צו פופצעהן יאהר זעהען מיר איהם שוין אין דער וואלאזשינער ישיבה. שוין פון אנפאנג אן האט ער ארויסגעצייגט סימנים, אז פון איהם וועט נאך אמאל ווערען א גרויסער איד. ער איז שפעטער געווען דער בעסטער אין דער ישיבה און האט גע'שם'ט פאר אן עלוי. נישט איין טאטע האט זיך געוואונשען איהם פאר אן איידעם צו באקומען !

אהיים קומענדיג אנגעזאפט מיט ש"ס ופוסקים האבען זיינע עלטערן מיט איהם געוואלט טהון א שידוך, און דוקא א גוטען שידוך ! האט אבער דאמאלס באדארפט א פ א ג ר א ם דארט אויסברעכען, אידען זיינען, נעבאך, געלאפען וואו די אויגען האבען


### $1000.00 באלוינונג

ווען איהר וועט בעווייזען וואו עס איז געשריבען אין דער תורה אז מ'זאל זאגען קדיש און אז דאס העלפט ארויס צו שלעפען די טויטע פון גיהנום.




דר. פנחס היינעמאן

געפיהרט, און אונזער פנחס איז אנטלאפען צוזאמען מיט זיין טאטע מאמע נאך ברעסלוי, דייטשלאנד, צו זייערען א ברודער (אויך א גרויסער גביר) אום ניצול צו ווערען פונ'ם שרעקליכען חרון־אף־פאגראם, וואס האט געבושעוועט פאר איינינע טעג.

בינו לבינו האט מען מיט דעם עלוי א טייערען שידוך געטהון אין ברעסלוי, און אבגעלעגט די חתונה אויף שבת נאך שבועות.

זייענדיג אין ברעסלוי, איז ער מיט דער כלה און מיט'ן מחותן זיך דורכגעגאנגען שפאצירען אין א געוויסער סטריט, וואו עס זיינען געשטאנען א קופקע מיט מענשען און איינער האט עפעס דארט גע'דרש'ענט. לכתחילה האט דער רוסישער יונגערמאן מורא באקומען אויב דאס מיינט נישט חלילה עפעס א פאגראם אויך דא אין ברעסלוי, און ער האט באלד געוואלט פליטה לויפען אזוי ווי פריהער פון רוסלאנד. זיין מחותן האט איהם אבער מבטיח געווען, אז אין דייטשלאנד קאן אזא זאך לגמרי נישט פאסירען, איז ער דארט שטעהן געבליבען הערענדיג די דרשה פון די „היילס ארמעע“ (סאלווייששאן ארמי) דרש'ענענדיג וועגען ישוע המשיח.

דער מחותן מיט דער כלה האבען באלד געוואלט אוועק געהן זייער וועג, פנחס האט אבער געבעטען נאך א פאר מינוט צו ווארטען, ווייל עס איז איהם שטארק געפעלען זייער טעקסט פון יוחנן ט"ו, 17, 18 : „וזאת היא המצוה אשר אני מצוה אתכם כי איש את רעהו תאהבון. אם העולם ישנא גם הלא ידעתם כי אתי שנא לפניכם“. דאס האט איהם באלד צו פארשטעהן נעגעבען פארוואס אין רוסלאנד קען יא זיין פאגראמען און אין א קריסטליכען לאנד נישט. בחנם האט זיך דער מחותן ביי איהם געבעטען ווייטער צו געהן, פנחס האט זיך נאך פאר א פאר מינוטען אבגעבעטען, און איז דעם אנדערען און דעם דריטען טאג ווייטער אהין געגאנגען הערען די דברי אלהים חיים וואס זיינען איהם אריין טיעף אין דער נשמה, און מיט א קורצער צייט שפעטער, לעזענדיג דאס „ברית חדשה“, וואס יענער בעל דרשן האט איהם געגעבען, האט ער בלב ונפש געגלויבט, אז ישוע המשיח איז אמת וצדק.

ווען זיין פעטער האט דאס דערהערט, נו, נו, מ'האט באלד טעלעגראפירט נאך זיין פאטער און ער איז טאקע באלד געקומען. מ'האט גערעדט מיט גוטען און מיט בייזען, ניט קענענדיג איהם ביי־קומען, האט איהם דער פאטער געוואונשען, אז הלואי וואלט ער בעסער אין רוסישען פ א ג ר א ם דער'הרג'עט געווארען. און מען האט איהם געגעבען די ברירה, אדער די כלה אדער ישוע המשיח? אט דאס איז פאר איהם געווען א גרויסער נסיון, ווייל ער האט זיין כלה געליעבט מיט זיין גאנצען הארצען. ער האט אבער באלד דערפיהלט, אז ער ליעבט ישוע המשיח מיט זיין גאנצער נשמה ! אמת, די כלה ליעבט איהם זעהר שטארק, ער האט אבער געוואוסט, אז ישוע המשיח ליעבט איהם נאך ש ט א ר ק ע ר, והא ראיה ער האט דאך זיין לעבען געגעבען פאר איהם! און ער האט ישוע המשיח פארגעצויגען. און ווי מיר זעהען איהם שפעטער, האט ער אויך קיין טעות געמאכט, ווייל ישוע המשיח'ס ליעבע איז תמיד ניי און פארבלייבט אזוי לנצח נצחים.

זייענדיג אין געפאהר אין זיין אנקעל'ס סביבה לאנג צו בלייבען, איז ער אריבער צו דעם גרויסען אוהב ישראל „פראנץ דעליטש“, נאך לייפציג, און יענער האט באלד איינגעזעהען וואס פאר אן אבן טוב דער יונגערמאן איז. ער האט איהם באלד געלאזט געהן שטודירען, פון וואנען ער איז מיט איינינע יאהר שפעטער ארויס געקומען א כלי מפואר מיט'ן טיטעל דר. פ. ס. היינעמאן, וועלכער האט כל ימיו אלעס אנגעווענדעט לטובת ישראל. ניט נאר אליין גע'דרש'ענט ישוע המשיח, נייערט ער האט אידען א ס א ך טובות געטהון בשם ישוע המשיח. מיט צוויי יאהר שפעטער איז ער געווען כמעט דער איינציגער וואס האט אבגעשטעלט א געפלאנטען פאגראם אין יעקאטערינאסלאוו. ער איז שנעל אריבער צום „קשאנץ“ מיט א רעקאמענדיישאן פון א קריסטליכער איינפלוסרייכער פערזאן, צייגענדיג איהם יענעם טעקסט פון יוחנן ט"ו, וועלכעס האט אויך איהם, אונזערען גרויסען איד, געמאכט פאר א גלויבינגען אין ישוע המשיח אויף דער סטריט אין ברעסלוי, נעמליך : „וזאת היא המצוה אשר אני מצוה אתכם כי איש את רעהו תאהבון“. זיין מיה איז ניט געווען אומזיסט, דער פאגראם האט שוין ניט אויסגעבראכען, און אידיש בלוט האט זיך נישט געגאסען אין די סטריטען אויף הפקר.

הערענדיג פון די גרויסע טובות, וואס אונזער גרויסער איד טהוט פאר אידען, האט זיין פאטער איהם אלעס מוחל געווען און ער האט איהם שטארק אנגעהויבען צו ליעבען. יא, אויך זיין פאטער האט שפעטער אנגעהויבען צו גלויבען אין ישוע המשיח. א חוץ איהם, האט אונזער גרויסער איד הונדערטע אידען געבראכט צו דעם ג ל י ק אין ישוע המשיח. שונאים וועלען איהם אפשר טאקע דערפאר שעלטען אבער יענע גלויבינגע אידען האבען איהם זיכער דערפאר געבענשט, און אזוי אויך גאט ב"ה, אזוי ווי עס הייסט : „ויהפך ד' אלהיך לך את הקללה לברכה כי אהבך ד' אלהיך“. און אויך מיר זאגען „יהא זכרונו ברוך“.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. VII. No. 8. | 50 CENTS A YEAR | APRIL, 1926


## „ביאליק דער גרעסטער דיכטער“

אזוי האבען געשריבען כמעט אלע אידישע צייטונגען. מ'האט געקלאפט, געשריגען, מכריז ומודיע געווען. נאך איידער מר. ביאליק האט א פוס געשטעלט אויף דעם אמעריקאנער באדען, האט מען שוין געפויקט אין דער אידישער גאס, אז ער, דער גרעסטער אידישער דיכטער, קומט. ס'איז געווען ששון ושמחה אין דער אידישער גאס. מ'האט זיך אנגעטהון בגדי יום טוב איהם מקבל פנים צו זיין, מ'האט פאר איהם אזעלכע גרויסע הכנות געמאכט, אז מי יודע אויב אידען וואלטען דאס געטהון ווען דער משיח זאל קומען. נאר גארניט— ער איז דאך, יאקבי, דער גרויסער דיכטער, וואס באוויינט דעם אידענ'ס גלות און דעם נאציאנאלען בראך, האבען אידען א גרויסען שייכות צו איהם, איז ער געווארען דער אידישער רעפרעזענטאנטיוו און איינער פון זייערע פיהרער. א חוץ די רעפארמירטע אידען וועלכע האבען אין אלע אזעלכע פיהרער כמעט גאר קיין חלק נישט.

די פארוואנדשאפט פון דעם גרויסען אידישען דיכטער צו אידען זעהט זיך ארויס זעהר בולט פון זיינע רעדען און פון זיינע שריפטען. ווען מיר באטראכטען דעם תמצית פון זיינע אנשויאונגען איבער'ן אידענטום אין אלגעמיין, און מיר באטראכטען דעם פארשידענארטיגען כאראקטער פון כמעט אלע אידען, געפינען מיר א שטארקען פאראלעל צווישען זיי ביידע.

אזוי ווי מיר האבען געלעזען די אויסציגע פון זיינע רעדען, האבען מיר ענטנומען אז מר. ביאליק'ס שטעלונג צו דער אידישער לאגע איז זעהר פעסימיסטיש. עס הערט זיך פון צווישען זיינע שורות א וויינענדיג קול און א קלאגענדיגער טאן מיט א קינות'דיגען אונטערשלאג. אין דיעזער באציהונג רעפרעזענטירט ער דעם ריכטיגען אידישען טיפ, ווייל אידען טראגען זיך תמיד ארום מיט א פארוויינטען געמיטה און מיט א טרויעריגען הארץ. אפילו ווען עס מאכט זיך עפעס א אידישער יו"ט, וואס דארף זיין א „זמן שמחתינו“, ווי למשל פסח, שבועות און סוכות, אמווייניגסטען דאמאלס וואלט מען נים דארפען טרויערען און וויינען. ווערט אבער אויך דאמאלס די אידישע שמחה פלוצים פארוואלקענט און מ'פארפאהרט מיט'ן „ומפני חטאינו...“

און אזוי איז עס אויך ווען מ'מאכט אין א אידישען הויז תנאים: צוברעכט מען א טעלער — זכר לחורבן; מאכט מען התונה: צוברעכט דער חתן א גלאז אונטער דער חופה — אלס א זכר לחורבן. ווער שמועסט נאך אין א פשוט'ן וואכענטאג, טראגט זיך דאך דער איד אודאי ארום מיט א וועלט פון מרה שחורה און קינות.

מיר פרעגען דא אין אלער אויפריכטיגקייט און ערנסטקייט: וואס זאל דאס אייגענטליך באדייטען? פארוואס זאל דער איד ביי דער איצטיגער צייט טרויערען און מרה־שחורה'דיג זיין? פארוואס נים בעסער פרעהען זיך און יובלען? דאכט זיך, ארץ ישראל וואס אידען האבען זייט יאהר־הונדערטער געלעכצט צוריק צו באקומען, איז שוין אין

> „ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם ואמר כל העם אמן“.
> (דברים כ"ז) וויאזוי דענקסט איהר פונדעם
> „ארור“ פטור צו ווערען?

אידישע הענט מיט אלע פישטשיוועקעס, אפילו מיט אן אוניווערזיטעט, אויף וועלכען אלע גרויסע מלוכות האבען זייער הסכמה געגעבען. און נאך עפעס: מיר געפינען אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, איבעראל, אין יעדען לאנד, אידישע גרויסע שטאאטסמענער, ריכטער, אדוואקאטען, פיאנצירען. דא אין אמעריקא האבען מיר א אידישען ריכטער אין העכסטען סופרים קאורט, אין רוסלאנד האבען מיר א טראצקי ביים רודער, אין ענגלאנד א לארד רעדינג, אין איטאליען דעם אידישען מיניסטער לוצאטי, און אזוי געפינען מיר כמעט אין יעדען ציוויליזירטען לאנד א איד ביים רודער פון דער רעגירונג. נו, וואלטען דאך אידען באדארפט מיט א התלהבות'דיגען ברען און מיט א פרעהליכער נשמה ארומוואנדלען אין זייער לעבען און רעפלעקטירען באגייסטערונג. און דאך זעהען מיר אין דער אידישער גאס רק טרויעריגקייט און פארוואלקענדינקייט. יא, מיר פרעגען דא נאכאמאל, וואס איז אייגענטליך די סיבה און דער סוד דערפון?

ווען מיר ווילען אויפריכטיג זיין צו דעם אידישען ענין אביעקטיוו און סוביעקטיוו, מוזען מיר קומען צום שלוס, אז דער גאנצער סוד שטעקט אין דעם איינציגען אידישען אינטערנאציאנאלען פארברעכען, וועלכעס יעדער איד פיהלט אינסטינקטיוו אין זיין טיעפען הארצען, צי ער וויל עס יא צוגעבען צי נים. דאס איז „דאס פארווארפען פון ישוע המשיח“. דיעזע זינד מאכט דעם צווישענשייד צווישען דעם איד און גאט. גאט זאגט אונז דורך דעם נביא ישעיה, קאפיטעל נ"ט: „כי עונותיכם מבדלים בינכם לבין אלהיכם“, און ווי מיר וויסען, איז ניטא קיין אנדערע גרויסע און נאציאנאלע זינד אז דאס גאנצע אידענטום זאל באגעהן ווי נאר די ביטערע זינד וואס אידען פארווארפען דעם הייליגען משיח, דעם קדוש ישראל, דורך וועמען אליין ישראל קען האבען א תשועת עולמים, ווייל נאר ער, דער משיח, האט זיך מקריב געווען פאר אונזערע זינד, כדי מיר זאלען האבען א כפרת עון, אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג: „והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו“.

יא, טאקע דערפאר וואס אידען פארווארפען ישוע המשיח, פיהלען זיי אינסטינקטיוו אין זייער אינווענינגסטער באוואוסטזיינינקייט, די אונבאקוועמליכקייט און אונגעמיטהליכקייט און א טרויעריגקייט פון דער אבגעזאנדערטקייט פון גאט ב"ה, און זיי קענען במילא קיין פאלקאמענע שמחה קיינמאל נים האבען.

עס וועט דעם ווערטהען לעזער דאס אפשר קאמיש פארקומען, נעמליך, אז אזא קלייניגקייט — ווי איהר מעגט דענקען — זאל קענען א גאנץ פאלק אין טרויעריגער שטימונג האלטען. אבער אזוי איז אויך אין נאטירליכען וועג. א קליין שטיקעלע שטויב ווען עס פאלט אין אויג אריין, מאכט עס א גאנצע רעוואלוציע אין אויג. מ'קען נים זעהן דערמיט, מ'קען עס נים עפענען, עס טרעהרט, עס ווערט רויט, און עס ווערט נישט בעסער ביז דאס פיצעלע שטויבעלע געהט פון דארט נישט ארויס. נישט אזוי? אזוי איז עס אויך מיט דעם פארווארפען דעם הייליגען משיח, וואס מענשען מעגען דענקען אז עס איז נאר א קלייניגקייט.

דער אמת איז, אז דער איד וואס קומט ארויס פון אברהם יצחק ויעקב (נים פון ערב רב), וועלכע האבען געהאט געמיינשאפט מיט גאט, אזא איד בענקט נאך יענער געמיינשאפט. זיין נשמה איז אין באשטענדיגער אבילות איבער דער געטרענטער לאגע צווישען איהם און גאט. די זרע אברהם בענקען און ווילען זיך צוריק פאראייניגען מיט גאט. אט דיעזע טרויעריגקייט ציינט זיך בולט ארויס


Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1897.